# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

## Far folḳ un heymland

**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**

**Mosḳṿe, 1943**

אין אָקופירטן דאָרף

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**



# אין אָקופּירטן דאָרף

איבער די הויפן טראָגט דער אומעט פונעם שניי זיך,
ער קלאפט אין שטיבעלעך — אין יעדעס לויט דער ריי, —
אז אפן שניי וואלגערן מענגעסווײַז זיך מייסים
פון א צעקלאפּטער דײַטשישער ארמיי.

דעם וועג באנאכט פארוויגט א בלינדע זאווערוכע,
די שטיבלעך וועקט א בלאָנדושענדיקער קנאל.
מיט צלאָמים דרײַ, אין בלוט פארפליוכעט,
שנײַדט דורך דאָס דאָרף א דײַטשער גענעראל.

א ווײַסער צווינטער האָט זיך אופגעהויבן פּראָסטיק —
פארשנייטע בערג מיט קאסקעס לויטן ראנג;
ער האָט געװײַלט, דער גענעראל, קיין מאָסקווע,
ער האָט געװײַלט, דער גענעראל, אפ א פאראד!

אין הימל טיף — די שטערן טוקן זיך און צאנקען,
און אפ דער פּראָסטיק-דורכגעשמידטער ערד
האָט א סאָלדאט געפירט א פארטיזאנקע
צום גענעראל אין שטאב אפ א פארהער.

— איז וויפל זײַנען זיי און ווו, די פארטיזאנער? —
די פארטיזאנקע גיט א פרעג דער גענעראל.
די פארטיזאנקע ענטפערט רויִק אים: — זיי זײַנען
פונקט ווי די שטערן, אומעטום און איבעראל!

אין דאָרף די קוימענעס ווי גאָרגלען צו דעם קוילן,
אין דאָרף — א טליִע ווי אן ארקע פארן טויט.
די פארטיזאנקע האָט ער אופהענגען באפוילן,
באפוילן אויסקריצן א שטערן אפ איר הויט!

צו דער פארפאנצערטער ניט־צוטריטלעכער מאָסקווע
זײַן בליק האָט בלאָנדזשענדיק געגעבן נאָך א לאָפּ,
און אָפּפירנ אפ דר האָט ער געלאָזט זיך
און שפּײַז פארגרייטנ פארנ שלאָפּ.

דער ווינט פארגלעט די אויסגעשנייטע וועגנ.
א שטיקל אײַז פונ שפּיצ בעריאָזע גיט א פאל...
נאָר עפּעס שלאָפּט זיך ניט אפ שטרויענעם געלעגער
אינ דאָרפ אינ רוסישנ דעמ דײַטשנ גענעראל.

ער ליגט פארהילט, דער גענעראל, אינ זיבנ דעקנ,
און ווי א קראנצ באשײַנט זײַנ קאָפּ א ווייכע שאל;
— צי ס׳איז דער ווינט, צי מ׳איז געקומענ פלוצעמ וועקנ
אינ דאָרפ אינ רוסישנ דעמ דײַטשנ גענעראל?

אינ קאלטנ שווייס באמיט ער זיך דערמאָנענ
אפ בעט אפ שטרויענעמ, דער דײַטשער גענעראל, —
זי האָט געזאָגט, די פּארטיזאנקע: — פּארטיזאנער
זײַנענ ווי שטערנ, אומעטום און איבעראל!

— ניינ, ס׳איז דער ווינט! — גיט ער א הוסט אנ אופגעשײַנטער,
פונ ווײַט דערוואָרגענער זיך טראָגט א טויטע רו.
דער בייזער פראָסט בלויז שלאָפגעטראנק גיט אײַנ דאָרט
בא דער קאליטקע דעמ פארפרוירענעמ פּאטרול.

אינ דאָרפ איז שטיל. ס׳באגלייט דאָרט קיינעמ ניט דער מוי׳לעד,
פונ שלײטנס הערט אינערגעצ זיך קיינ סקריפּ.
בלויז אפ דער טליע סקריפּענדיק זיך הוידעט
די פּארטיזאנקע — שמייכלענדיק און טריב.

זי קוקט, א הענגענדיקע, ווײַט צו די בעריאָזעס: —
דאָס איז איר דאָרפ, איר היימ, איר לאנד...
פונ אונטער שניי טראָגט זיך צו איר דער שאָרכ פונ גראָזנ,
פונ טריבנ וואלד — דאָס פּארטיזאנישע געזאנג.

זי הערט זיי גוט. דאָס גאנצע פאָטערלאנד זיי וועקנ.
זי הערט די טריט. פאר זיי גיט אלצ זיך א צעפּראל;
זי הערט, ווי ס׳שלאָפט זיך ניט אפ שטרויענעמ געלעגער
אינ דאָרפ אינ רוסישנ דעמ דײַטשנ גענעראל.

ער האָט זיכ אָנגעפּרעסנ, דאכט זיכ, אזוי ווײַט שוינ,
אז צו דעמ האלדז גייט אלע ווײַל אימ צו די שפּײַז;
דורכ פענצטער קוקט אפ אימ דאָס צווינטערדיקע דײַטשלאנד,
אונ עפּעס פרעסט אימ דאָ אונ מאָרדעוועט אונ בײַסט.

ער זעצט זיכ אופ, האלב-נאקעט, מיט זײַנ שאָטנ,
אונ קראצט דאָס לײַב מיט פיר צעקרימטע הענט;
אינ שנײ די לאנדסלײַט זײַנע ליגנ דאָ צעשאָטנ,
מיט בליק פארפרוירענעמ צו מיזרעכ-צו געווענדט.

— ווער האָט אפ שטרויענעמ געלעגער אימ פאראנקערט?
ער אײַלט אפ מאָסקווע! — גיט א גלי אינ אימ די גאל;
די פארטיזאנקע ניט באצווונגענע האָבנ דײַטשלאנדס טאנקענ,
אונ דאָ א לויז באצווינגט א דײַטשנ גענעראל!

מיט איר פארמעסטנ זיכ ער קאָנ ניט אינ געשלעגנ,
זי קריכט אפ אימ, באפעלנד, ווי דער טויט;
זי שלאָגט אימ פאָר, ער זאָל אליינ זיכ מיט די נעגל
פונ לײַב אראָפּשינדנ די ברענענדיקע הויט.

אונ ער — ער פאָלגט. די הויט ער פאסעוועט מיט ווייענ,
ווי א פארהער ער וואָלט פאר איר אָט דאָ געהאט.
די צאָל זי פרעגט אימ ניט פונ דײַטשישע ארמייענ,
ווײַזט אויס, אליינ זי ווייסט עס גוט אונ אקוראט!

ער שטעלט זיכ אופ אונ טוט אינ אײַלעניש דאָרט אָנ זיכ,
ער לויפט ארויס. פארשנייט די וואכ איז בא דער שטאל.
אונ מיט די אופגעפלאמטע אויגנ גיט א בלאָנדזשע
איבערנ דאָרפ דער דײַטשער גענעראל.

אָט איז דער טליִע-שטאנג, וואָס דײַטשלאנד האָט געמאכט דאָ,
אונ די געהאנגענע נ'א שנייִקנ וואל.
אימ דוכט זיכ אויס, אז א קאָמאנדע הערט ער: — אכטונג!
פונ אלע זײַטנ איז פארקלעמט דער גענעראל!

ס'איז נאכט, אונ שטיל, אונ וואָיענדיק, אונ פראָסטיק...
דעמ גענעראל גיסט זיכ מיט גליווער אָנ דער בליק:
— אויכ די געהאנגענע פארשטעלט האָט פונ אימ מאָסקווע
אונ איצט פארשטעלט זי אימ דעמ אָפּגאנג אפ צוריק!

ס׳דעקט ווי א כופע-קלייד די אקסל צו דער שניי איר.
— וואָס האָט זי אים אזוינס געזאָגט אפּן פארהער?
ער האָט קיין קרעכץ פון איר געהערט און קיין געשרייען,
ווען מ׳האָט געקריצט אף איר דעם שטערן מיט א שווערד!

ס׳צעטראסקעט לייַב ער צו דער ערד וואָלט צוגעטוליעט,
נאָר ס׳האָט דער שניי אף אים פארלייגט זיך מיט א נעץ,
און ווינטן מאָרדעווען און שטויסן אים צעהוליעט,
און יעדער לאכט פון אים אין ווייַטן ווי א לעץ

און וואָיעט אויס דורך הוילע קימענדיקע טרויבן:
די פארטיזאנער — אומעטום און איבעראל!
און מיטאמאָל — א שאָס דערלאנגט דאָרט א פּאָרטויב אים,
און בא דער טליִע פאלט אוועק דער גענעראל!

איבער די הויפן גייט דער אומעט ווי א וואנדערער,
ער קלאפּט אין שטיבעלעך — אין יעדעס לויט דער ריי;
אין שניי מיט לאנדסלייַט זייַנע וואלגערט זיך באנאנד דאָרט
דער גענעראל פון א פארטיליקטער ארמיי!

— געוועלבטע בערג הארוגים, אכטונג!
— צעפּיקטע שארבנס, — אופ! אין ערן-וואכ!
דער גענעראל האָט זיך פארשלאָפן דאָ אף נאכטלעג,
ער וועט ניט אופשטיין אפן דורכקוק פארן שלאכט!

ס׳וועט מאָסקווע קיינמאָל שוין ניט כאָלעמען זיך מער אים.
בלויז מיטן קייווער זיך באנוגענען וועט ער,
אין זייַנע ציילע־ס זיך פארפּוצן וועלן ווערעם —
אין א רוסיש דאָרף אין א באפרייַטס — אונטער דער ערד!

★✦★

## נאטיורמאָרט

א שארבן פון א פערד, געפּאנצערט מיט א קאסקע,
א קאָפּ פון א יעפרייטאָר, גריוועדיק און געל,
איניינעם פוילן אין א קאַליוזשע — צעכראסטעט,
פארדעקטע מיט א גרינעם דייַטשישן שינעל.

זיי שלאָפן נאזנדיק אין זומפּ פארוואונדערט,
פון גרונטן שוימיקט שימל זיך צעגרינט;